Naiad (ניי'עד) האַלב־מענש־האַלב־חיה [אַ מין אויסגעטראכטע וואַסער־חיה]; אַ שאָלאַכצ־פיש.

Nail (נייל) אַ נאָגעל [פון אַ פינגער]; אַ קלויע [ה. פרסה]; אַ נאָגעל [אַ טשוועק]; צוויי צאָל און אַ פערטעל; אָננאָגלען, אָנשלאָגען מיט טשוועקעס; בענאָגלען; on the—, גלייך, תיכף, אויפ'ן אָרט; באַר, מזומן [פון געלד].

Nail-brush (נייל־בראָש) אַ נאָגעל־בערשטעל.

Nail-head (נייל־העד) אַ קעפעל פון אַ נאָגעל [טשוועק].

Nailer (ניי'לער) ז. Nail-maker.

Nailery (ניי'לערי) אַ נעגעל־פאַבריק.

Nail-maker (נייל־מיי'קער) אַ נאָגעל־שמיעד, אַ שמיעד פון טשוועקעס.

Nail-trade (נייל־טרייד) נאָגעל־האַנדעל, מסחר מיט טשוועקעס.

Nail-works (נייל־וואָירקס) ז. Nailery.

Naively (נייאיוולי) נאַאיוו, אָפענהערציג, אונ־שולדיג, איינפאַך.

Naivete (נאַ'איוועטע־) נאַאיוויטעט, אָפענהער־ציגקייט, אונשולדיגקייט, איינפאַכקייט.

Naivety (נייאיוועטי) ז. Naivete.

Naked (נײ׳קעד), נאַקעט, הויל, ענטבלויזט; —ly, בלויז, אײנפאַך; דײַטליך.

Nakedness (נײ׳קעדנעס) נאַקעטקייט; אָפענ־קייט, קלאָרקייט, דײַטליכקייט.

Name (נײם) אַ נאָמען; דער רוף; בענענען, אָנרופען; in—, נאָכ׳ן נאָמען; in the—of, אין דעם נאָמען פון....

Nameless (נײם׳לעס) אָהן אַ נאָמען; אונאויס־דריקליך, אויסשפּרעכליך.

Namely (נײם׳לי) נעמליך, נאָמענטליך.

Namer (נײ׳מער) אַ בענענער, אַן אָנרופער, אַ נאָמען־געבער.

Namesake (נײמ׳סײק) אַ נאָמענס גענאָס, אַ נאָמענס גלײַכער.

Nandu (נענ׳דו) דער אַמעריקאַנער שטרויס־פויגעל.

Nap (נעפּ) אַ שלומער, אַ דרעמעל, אַ קורצער שלאָף; דיא האָאר פון טוך; דיא וואָל אדער פוך פון פלאַנצען־בלעטער; שלאָפען, דרעמלען.

Nap-coating (נעפּ־קאָרטינג) גראָבעס טוך, גראָבעס געוואַנט.

Nape (נײפּ) דער נאַקען, דאָס געניק, דער קאַרק.

Naphtha (נעפּ׳טהע) בערג־אייל, בערג־גאָז [אַ מין קעראָסין].

Napiform (נײ׳פיפאָרם) ברושקע־פערמיג.

Napkin (נעפּ׳קין) אַ סערוועטקע, אַ טעלער־טיכעל.

Nappiness (נעפּ׳פינעס) וואָליגקייט, פוכיגקייט.

Nappy (נעפּ׳פי) וואָליג, פוכיג.

Nap-taking (נעפּ־טײ׳קינג) אַן איבערפאַל אונגעריכטער הייד, דיא איבעררעשונג.

Narcissus (נארסיס׳סאָס) דיא נאַרציסע [אַ מין פּלאַנצע].

Narcotic (נארקאָ׳טיק) איינשלעפערנד; אַ מע־דיצין וואָס שלעפערט איין.

Nard (נארד) דיא נאַרדע [אַ מין שמעקעדיגע פלאַנצע—ה. נרד].

Nariform (נאַ׳ריפאָרם) נאָז־פערמיג, נאָז־אַרטיג.

Narrate (נאר׳רײט) ערצעהלען.

Narration (נאררײ׳שאָן) אַן ערצעהלונג.

Narrative (נאר׳רעטיוו) ערצעהלענד; וואָס האט חשק צו ערצעהלען, אַן ערצעהלונג; —ly, אויף אַ ערצעהלענדער אַרט.

Narrator (נעררײ׳טאָר) אַן ערצעהלער.

Narratory (נער׳רעטאָרי) ערצעהלענד.

Narrow (נער׳ראָ),—ly, ענג, שמאָל; קאַרג, באַשרענקט; קוים, אַט־אַט, מיט נסים; he had a—escape, אַ.. he narrowly escaped, ער האט זיך געראַטעוועט מיט נסים.

Narrow (נער׳ראָו) אַ שמאָלער דורכגאַנג; אַ שמאָלער קאַנאַל; ענג מאַכען, שמאָל מאַכען; בע־שרענקען; ענג ווערען, שמאָל ווערען; איינגעשרענקט ווערען.

באַשרענקט; קאַרג; נאָהענט, פאַזיג־ליבען.

Narrow-minded (נער׳ראָו־מאַיינ׳דעד) קורצ־זיכטיג, בעשרענקען אין פערשטאַנד.

Narrowness (נער׳ראָונעס) ענגקייט; בעשרענקט־קייט; קאַרגקייט.

Narrow-spirited (נער׳ראָו־ספּי׳ריטעד) חאָס בעזיצט ווענינ גייסט.

Narwal (נאַר׳וועל) [אַ מין פיש] דער איינהאָרן פיש מיט אַ לאַנגען צאָהן וויא אַ האָרן].

Narwhal (נאַר׳הוועל) ז. Narwal.

Nasal (נײ׳זעל),—ly, נעזיליך; דורך דיא נאָז, מיט אַ נעזיליכען קלאַנג.

Nasality (נעזע׳ליטי) דיא נעזיליכקייט, דער נאָז־קלאַנג.

Nascent (נעס׳סענט) וואַקסענד, זיך פערגרע־סערנד.

Nasiform (נע׳זיפאָרם) נאָז־אַרטיג, נאָז־פערמיג.

Nastiness (נעס׳טינעס) שמוץ, פאַסקודנעקייט, אונפליִט.

Nasturtium (נעסטאָיר׳שאָם) ז. Nose-smart.

Nasturtion (נעסטאָיר׳שאָן) ז. Nose-smart.

Nasty (נעס׳טי),—ly שמוציג, פאַסקודנע.

Natal (נײ׳טעל) געבורטס, געבירטיג; אַ גע־בורטס טאָג; [ביי יודען—ניתל, קריסטוס׳ס גע־בורטס טאָג].

Natalitial (נײטעלי׳שעל) געבורטס טאָגיג, וואָס געהערט צום געבורטס טאָג.

Natalitious (נײטעלי׳שאָס) ז. Natalitial.

Natant (נײ׳טענט) שווימענד.

Natation (נײטײ׳שאָן) דאָס שווימען.

Natatory (נײ׳טעטאָרי) צום שווימען.

Nation (נײ׳שאָן) אַ נאַציאָן, אַ פאָלק.

National (נע׳שאָנעל),—ly נאַציאָנאַל, פאָלקס־טהימליך.

Nationality (נעשאָנע׳ליטי) נאַציאָנאַליטעט, פאָלקסטהימליכקייט.

Nationalize (נע׳שאָנעלאַיז) נאַציאָנאַל, פאָלקסטהימליך מאַכען.

Native (נײ׳טיוו) געבירטיג; אורשפּרינגליך; נאַ־טירליך; אַ געבירטיגער [ה. יליד]; —ly, פון געבורט, געבורט, אורשפּרינגליך.

Nativity (נעטי׳וויטי) דיא געבורט; דיא שטע־לונג פון דיא מזלות אדער שטערן צו דער צייט פון איינעמ׳ס געבורט.

Natural (נע׳טשורעל) נאַטירליך; איינפאַך.

Natural (נע׳טשורעל) נאַטירליך, עכט; איינפאַך

Natural-born (נע׳טשורעל־באָרן) איינגע־באָרען.

Naturalise (נע׳טשורעלאַיז) Naturalize ז.

Naturalism (נע׳טשורעליזם) נאַטירליכקייט, דער נאַטור־צושטאַנד.

Naturalist (נעטשורעליסט) א נאטור-פארשער.
Naturalization (נעטשורעליזיישאן) דיא איינ-בירגערונג, דאס מאכען פיר א בירגער פון א נייעם לאנד.
Naturalize (נעטשורעלאייז) נאט-, איינבירגערן; נא-טירליך מאכען.
Naturally (נעטשורעלי) נאטירליך; ניט גע-קינסטעלט, עכט.
Naturalness (נעטשורעלנעס) נאטירליכקייט.
Natural philosopher (נעטשורעל פילאסא-פער) א נאטור-פארשער.
Natural philosophy (נעטשורעל פילאסאפי) נאטור-פארשונג.
Nature (נייטשור) דיא נאטור; א נאטור, א כאראקטער; דיא אייגענשאפט פון קערפער.
Natured (נייטשורד) ארטיג, פון א נאטור; good—, גוט-ארטיג, פון א גוטער נאטור; ill—, בייז-ארטיג, פון א שלעכטער נאטור.
Naught (נא-ט) ניכטס, גארנישט; א נול [אין ציפער]; גארניט, דורכאוס ניט; to call to—, פערנאכטען.
Naughtiness (נא-טינעס) אונארטיגקייט, צו-לאזענקייט, שטיפערדיגקייט.
Naughty (נא-טי) שלעכט, פערדארבען, בייז; איינגעשפארט, איינגע-עקשנט.
Naumachy (נא-מעקי) א שיפ-קאמפף, א סצענע פון א שיפ-קאמפף.
Nausea (נא-שיע) איבעלקייט, ניט-גוטקייט, חלשות.
Nausiate (נא-שיאייט) פיהלען איבעלקייט, פיהלען ניט-גוטקייט; איבלען פון עפעס, הא-בען אן עקעל פיר עפעס; ערפילען מיט עקעל, אנמאכען א ניט-גוטקייט.
Nauseous (נא-שאס),—ly עקעלהאפט, ווי-דערליך.
Nauseousness (נא-שאסנעס) עקעלהאפטיגקייט, עקעל, ניט-גוטקייט.
Nautic (נא-טיק) ז. Nautical.
Nautical (נא-טיקעל) זעעאיש, וואס געהערט צו זעע-פאהרט, וואס געהערט צו זעע-לייט אדער מאטראזען.
Nautilus (נא-טילאס) א מין שאל-פיש וואס זעגעלט וויא א שיפעלע.
Naval (נייוועל) זעעאיש, וואס געהערט צו זעע-פאהרט אדער צו שיפען.
Nave (נייוו) דער מיטען פון א קירכע; דער מיטען פון א ראד.
Navel (נייוועל) דער נאפעל, דער פופאק; דער מיטען פון עפעס.
Navel-gall (נייוועל-גא-ל) דיא נאפעל-גאל [א מין געשוויר ביי א פערד אונטערן זאטעל].
Navel-string (נייוועל-סטרינג) דיא נאפעל-שנור.
Navel-wort (נייוועל-וואירט) נאפעל-קרויט [א מין גראז].
Navicular (נעוויקיולער) פון א שיף, וואס געהערט צו א שיף; שיפס ארטיג, שיפס פערמיג.
Navigable (נעוויגעבל) שיפבאר, וואס מען קען הערומזעגלען מיט א שיף.
Navigableness (נעוויגעבלנעס) שיפבארקייט, דיא מעגליכקייט הערומצוזעגלען מיט א שיף.
Navigate (נעוויגייט) שיפען, זעגלען; שטייערן, פיהרען [א שיף].
Navigation (נעוויגיישאן) שיפ-פאהרט, דיא זעגלונג מיט א שיף.
Navigator (נעוויגייטאר) א שיפ-זעגלער, א זעע-מאן, א זעע-פאהרער; אן ערד-וואל גרע-בער, אן ערד-גרעבער [אויף אן אייזענבאהן].
Navy (נייווי) דיא זעע-קריגס מאכט, דיא מארין, א פלאטע.
Navy-bills (נייווי-בילז) דיא זעע-בעפעהלען.
Navy-blue (נייווי-בליו) בלוי וויא מאטראזענ-געוואנט.
Navy-board (נייווי-באארד) דיא בעהערדען פון א קריגס מאכט אויפ'ן ים.
Navy-office (נייווי-אפיס) דאס שיפס אמט פון א קריגס מאכט אויפ'ן ים.
Navy-yard (נייווי-יארד) דאס זעע-ארסענאל [דער ארט וואו דיא רעגיערונגס שיפען שטע-הען און ווערען געמאכט].
Nay (ניי) ניין; יע זאגאר; ניין, וואס זאג איך!
Nay-word (ניי-וואירד) דאס „ניין", אן אב-שלאגיג אנטווארט.
Neap (ני-פ),—tide ניעדריג, וואס מינדערט זיך; דאס ניעדריגע וואסער.
Near (ני-ר) נאהענט, שכניש, נאכבארליך; אינטים; קארג; גענוי; ביינאהע, כמעט; זיך נעהערן.
Nearly (ני-רלי) נאהענט; ביינאהע, כמעט; קארג.
Nearness (ני-רנעס) דיא נאהענטקייט; נאהענטע קרוב'עשקייט; דיא עהנליכקייט; דיא קארגקייט.
Neat (ני-ט),—ly נעט, ריין, שעהן.
Neat (ני-ט), —herd דאס פיה, דאס רינד-פיה; neat's tongue א פאסמוך פון רינדער; א רינד-צונג.
Neatness (ני-טנעס) דיא נעטקייט, דיא ריינט-ליכקייט; דיא שעהנקייט.
Neb (נעב) א שנאבעל, א נאז [פון א פויגעל].
Nebula (נעביולע) א נעבעל; א נעבעל-שטערן,

אַ טומאַננער שטערן; אַן איבערצוג אויפן אויג.

Nebulosity (נעביולאָ׳סיטי) דיא נעבעלדיגקייט, דיא טומאַננעקייט, דיא דונקעלקייט.

Nebulous (נע׳ביולאָס) נעבעלדיג, טומאַננע, וואָלקענדיג.

Necessaries (נע׳סעסערי-ז) נויטהווענדיגקייטען; דיא בעדערפניסע.

Necessariness (נע׳סעסערינעס) דיא נויטהווענ-דיגקייט.

Necessary (נע׳סעסערי),—ily, נויטהווענדיג, נויטהיג, ערפאָרדערליך; אַן אבטרעט, אַ נוזשניק.

Necessitate (ניסעס׳סיטײט) נויטהיגען, צווינגען, נויטהיג מאַכען.

Necessitous (ניסעס׳סיטאָס) בעדירפטיג, זעהר אָרים.

Necessitousness (ניסעס׳סיטאָסנעסנעס) דיא דירפטיגקייט, אָרימקייט.

Necessity (ניסעס׳סיטי) נויטה, נויטהווענדיג-קייט, בעדירפניס.

Neck (נעק) דער האַלז; אַ העלזעל [פון אַ פלעשעל אָדער פון אַ פידעל]; אַ שמאָלער פאַס לאַנד וואָס פעראייניגט צוויי גרויסע שטי-קער לאַנד; —on the, גלייך, נאָכהער.

Neck-cloth (נעק-קלאָטה) אַ האַלז-טוך, אַ האַלז-בינדע.

Necked (נעקד) האַלזיג, מיט אַ האַלז, וואָס האָט אַ האַלז.

Neckerchief (נעק׳קערטשי-ף) אַ האַלז-טוך, אַ האַלז-בינדע.

Neck-handkerchief (נעק-הענקערטשי-ף) ז. Neckerchief.

Neck-lace (נעק-לײס) אַ האַלז-באַנד, אַ האַלז-צירונג.

Neck-laced (נעק-לײסט) רינגעלדיג, רינגעל-פערמיג [פון אַ שלאַנג].

Neck-land (נעק-לענד) אַ לאַנד-האַלז [אַ שמאָ-לער פאַס לאַנד וואָס פעראייניגט צוויי גרויסע שטיקער לאַנד].

Neck-tie (נעק׳-טאַיי) אַ האַלז-טוך, אַ האַלז-בינדע.

Neck-weed (נעק-ווי-ד) האַנף, קאַנאָפּליע; אַ הענג-שטריק, אַ תליה-שטריק.

Necrological (נעקראָלאָ׳דזשיקעל) וואָס גע-הערט צו דער בעשרייבונג פון טויטע אָדער צו אַ טוידטענ-פערצייכניס.

Necrologist (נעקראָ׳לאָדזשיסט) אַ טוידטענ-בעשרייבער; אַ בעריכט-געבער פון טויטע פערזאָנען.

Necrology (נעקראָ׳לאָדזשי) דיא בעשרייבונג פון טויטע פערזאָנען; אַ טוידטענ-פערצייכניס.

Necromancer (נעק׳ראָמענסער) אַ טוידטענ-בעשווערער [איינער וואָס איז משביע מתים].

Necromancy (נעק׳ראָמענסי) דיא טוידטענ-בעשווערונג [ה. השבעת המתים].

Necromantic (נעקראָמענ׳טיק) וואָס געהערט צו טוידטענ-בעשווערונג [ז. Necromancy].

Necrophagous (ניקראָ׳פעגאָס) וואָס ערנעהרט זיך פון טוידטע קערפערס.

Necropolis (ניקראָ׳פאָליס) אַ טוידטענ-שטאָדט, אַ בעערדיגונגס אָרט, אַ בית-עולם.

Necropsy (נעק׳ראָפּסי) דיא אונטערזוכונג פון אַ טוידטען קערפּער.

Necrosis (ניקראָ׳סיס) דער טרוקענער בראַנד פון דיא ביינער [אַ קראַנקהייט].

Nectar (נעק׳טער) נעקטאַר, דער געטער-טראַנק [ה. מגד-שמים].

Nectareous (נעקטײ׳ריאָס) זיס וויא נעקטאַר [ז. Nectar].

Nectarian (נעקטײ׳ריען) ז. Nectareous.

Nectarine (נעק׳טערין) אַ מין פלוים [ר. נעק-טאַר פּפירזיכע].

Nectary (נעק׳טערי) דאָס האָניג-געפעס ביי בלומען.

Need (ני-ד) נויטה, דער בעדאַרף, דאָס בע-דערפניס; ליידען נויטה; נויטהיג האָבען, בע-דאַרפען; זיין נויטהיג.

Needer (ני-׳דער) אַ בעדירפטיגער.

Needful (ני-ד׳פול) נויטהיג, נויטהווענדיג.

Needily (ני-׳דילי) בעדירפטיג, אָרים.

Neediness (ני-׳דינעס) נויטה, בעדירפטיגקייט, אָרימקייט.

Needle (ני-דל) אַ נאָדעל; דער ווייזער אויפ׳ן קאָמפּאַס.

Needle-case (ני-דל-קײס) אַ נאָדעל-טעסעל, אַ נאָדעל-האַלטער.

Needle-fish (ני-דל׳-פיש) דער נאָדעל-פיש.

Needleful (ני-דל׳פול) פאָדים וויפיעל מען ציהט אַריין אין אַ נאָדעל.

Needle-gun (ני-דל-גאַן) אַ ביקס מיט אַ ציגר-נאָדעל.

Needle-maker (ני-דל-מײ׳קער) אַ נאָדעל-מאַכער, אַ נאָדעל-מייסטער.

Needler (ני-ד׳לער) ז. Needle-maker.

Needless (ני-ד׳לעס),—ly, ניט נויטהיג; אומזיסט, הערויסגעוואָרפען.

Needlessness (ני-דלעסנעס) אוננויטהיגקייט; אומזיסטיגקייט, אוננוציגקייט.

Needle-woman (ני-דל-וואו׳מען) אַ ניימערין [איבערהויפּט פון ווייס-גערעט].

Needle-work (ני-דל-וואָירק) נאָדל-אַרבייט, געניי.

Needs (ני-דז) נויטווענדיגער ווייז, געווים, דורכאוים.

Needy (ני-׳די) בעדירפטיג, אָרים.

Ne'er (נע׳ער) אָפּקירצונג פון Never, וו. ז.

Nef (נעף) ז. Nave.

Nefarious (ניפיי׳ריאָס) אבשייליך, שענדליך.

Negation (ניגיי׳שאָן) דיא פערניינונג, דאָס זאָ־גען „ניין", דאָס ענטפערן „ניין"; דיא פערלייג־נונג, דאָס אָבלייקענען.

Negative (נע׳געטיוו) פערניינענד, וואָס ענט־האַלט דעם זין פון „ניין"; אַ פערניינונגס זאַץ; אַ פערניינונגס ווארט [וויא „ניט", „ניין"]; אַ פערקעהרטעס בילד [אַ פאָטאָגראַפישעס בילד אויף אַ פּלאַטע אויף וועלכער דאס ליכט און שאַטען זיינען גראַדע פערקעהרט וויא נאַטור]; אַ פאָטאָגראַפיר־פּלאַטע, אַ פאָטאָגראַפיר־גלאָז [פון אַ פאָטאָגראַפיר־מאַשין]; אַ געגענ־קראַפט [וויא דיא קראַפט פון אָ ב ש ט ו י ס ע ן צו דער קראַפט פון צ ו צ י ה ע ן]; געגענגעזעצט, פער־קעהרט, לינק; בכלל לאו; פערניינען, זאָגען „ניין", אָבווייזען, לייקענען; in the— , אויף ניט.

Negative electricity (נע׳געטיוו אילעקטרי־סיטי) דיא עלעקטריציטעט וואָס ווערט אויפ־געוועקט אָדער געשאַפען אין טריפ־וואַקס ווען מען רייבט עס מיט פלאַנעל אָדער זייד.

Negatively (נע׳געטיוולי) פערניינענד, זאָגענדיג „ניין", אויף אַ פערניינענדער אַרט [ה. בדרך שלילה]; מכלל לאו.

Neglect (נעגלעקט׳) פערנאַכלעסיגען; זיך פער־נאַכלעסיגען; דיא פערנאַכלעסיגונג, נאַכלע־סיגקייט.

Neglecter (נעגלעק׳טער) אַ פערנאַכלעסיגער.

Neglectful (נעגלעקט׳פול), —ly נאַכלעסיג, זאָרגלאָז; ניט אַכטזאַם.

Negligee (נעגלידזשי׳-) נעגליזש, דער הויז־אַנצוג.

Negligence (נעג׳לידזשענס) נאַכלעסיגקייט.

Negligent (נעג׳לידזשענט), —ly נאַכלעסיג, זאָרגלאָז; ניט־אַכטזאַם.

Negotiable (ניגאָ׳שיעבל) וואָס לאָזט זיך האַנדלען אָדער אונטערהאַנדלען.

Negotiate (ניגאָ׳שיאייט) האַנדלען, טרייבען האַנדעל; אונטערהאַנדלען; פערהאַנדלען, פער־סחרן.

Negotiation (ניגאָשיאיי׳שאָן) דיא אונטער־האַנדלונג; דאָס פערהאַנדלען, דאָס פערסחרן.

Negotiator (ניגאָ׳שיאייטאָר) אַן אונטערהענד־לער, אַן אונטערהענדלערין.

Negress (ני׳גרעס) אַ נעגערין, אַ מורינע.

Negro (ני׳גראָ) אַ נעגער, אַ מורין.

Negus (ני׳גאַס) דער ענגלישער גליה־ווין [אַ מין ווין צוגעווירצט און געמישט מיט וואַסער].

Neigh (ניי) דאָס הירזשען [וויא אַ פערד]; הירזשען.

Neighbor (ניי׳באָר) אַ נאַכבאַר, אַ שכן, אַ נאַכבאַרין, אַ שכנה; אַ געזעל, אַ חבר; זיין אַ נאַכבאַר, וואוינען בשכנות.

Neighborhood (ניי׳באָרהו-ד) דיא נאַכבאַרשאַפט, דיא אומגעבונגען אָדער אומגעגענדען.

Neighboring (ניי׳באָרינג) נאַכבאַרשאַפטליך, וואָס ליעגט נאָהענט; וואָס ליגט נאָהענט הערום.

Neighborliness (ניי׳באָרלינעס) דיא נאַכבאַר־ליכקייט, שכני׳שאַפט.

Neighborly (ניי׳באָרלי) נאַכבאַרליך, פריינדליך; אַלס שכן, אַלס גוטער נאַכבאַר.

Neither (ני׳דהער, נאַיי׳דהער) קיינער, קיינע, ניט איינער ניט דער אַנדערער; nor— , ניט— ניט [neither time nor money, ניט קיין געלד ניט קיין צייט]; אויך ניט.

Neologic (ניאָולאָ׳דזשיק) ז. Neological.

Neological (ניאָולאָ׳דזשיקעל) ניי, ניי־געשאַפען, ניי־ערפונדען.

Neologism (ניאָ׳לאָודזשיזם) דיא איינפיהרונג פון נייע זאַכען [וויא נייע לעהרען, נייע ווער־טער אין אַ שפּראַך או. אַז. וו.]; אַ נייע לעהרע; אַ נייעס ווארט, אַ נייער אויסדרוק.

Neologist (ניאָ׳לאָודזשיסט) איינער וואָס שאַפט נייע זאַכען אין רעליגיאָן אדער אין אַ שפּראַך.

Neology (ניאָ׳לאָודזשי) דיא ערפינדונג פון נייע ווערטער אין אַ שפּראַך; דיא שאַפונג פון נייעסן אין רעליגיאָן.

Neophite (ני׳אָופאַייט) אַ ניי־בעקעהרטער, אַ ניי־געטויפטער.

Neoteric (ניאָוטע׳ריק) ניי, ניי־וועלטיש, היינט־וועלטיש.

Nephew (נעוויו) אַ נעפע, אַ פּלעמעניק.

Nephritic (ניפריי׳טיק) וואָס געהערט צו דיא ניערען, פון דיא ניערען.

Nepotism (נע׳פּאָטיזם) דיא גינציגקייט צו פריינד, דיא גונסט אָדער בעזאָנדערע ליעבע צו קרובים.

Nepptune (נעפ׳טיון) דער גאָט פון ים; נעפּטון [אַ מין פּלאַנעט].

Nereid (ני׳ריאיד) אַ זעע־מערכען [אַזאַ געטין].

Nerve (נאָירוו) אַ נערוו, אַן אָדער; קראַפט, כח; געבען כח, פערשטערקען.

Nerveless (נאָירוו׳לעס) אָהן נערווען, אָהן קראַפט, קראַפטלאָז.

Nervine (נאָיר׳ווין) אַ נערווען־מיטעל [אַ מין מעדיצין].

Nervous (נאָיר׳וואָס) פון נערוועז; שטאַרק, קרעפטיג; נערוועז-שוואַך, נערוועז, וואָס ווערט לייכט אויפגערעגט.

Nervousness (נאָיר׳וואָסנעס) קראַפט, שטאַרק-קייט; נערוועזקייט, נערוועז-שוואַכקייט.

Nescience (נעש׳שענס) דיא אונוויסענהייט.

Nest (ניעסט) אַ נעסט; נעסטען, בויען אַ נעסט.

Nest-egg (נעסט׳-עג) אַ נעסט-איי.

Nestle (נעס׳ל) נעסטען, זיך פעסטזעצען; זיך בעוועגען; פעסטזעצען; צערטליך ליבען.

Nestling (נעסל׳אינג) אַ נעסט-פויגעלע [אַ פויגעלע וואָס איז נאָר-וואָס פון אַ׳ײ].

Net (נעט) אַ נעץ; אַ סיאַטקע; טול [אַ מין ציינג]; ריין, עכט; נעט [פון פראָפיט]; שטריקען אַ נעץ; ריין איינברייגגען, געבען נעטען פראָפיט.

Nether (נע׳דהער) אונטער, ניעדער, דער אונטערער.

Nethermost (נע׳דהערמאָוסט) דער אונטערסטער.

Net-maker (נעט׳-מיי׳קער) אַ נעץ-שטריקער, אַ סיאַטקע-מאַכער.

Netting (נעט׳טינג) דאָס נעץ-ווערק, נעץ-אַרבייט.

Nettle (נעטל) קראָפיווע [אַ מין פלאַנצע]; שטעכען, ברענען, ערבּיטערן.

Nettle-rash (נעטל׳-רעש) נעססעלזוכט [אַ מין קראַנקהייט].

Nettle-tree (נעטל׳-טרי-) אַ מין בוים [ד. נעססעלבוים].

Net-work (נעט׳-וואָירק) נעץ-ווערק.

Neural (ניורעל) נערוויש, וואָס געהערט צו דיא נערוועז.

Neuralgia (ניורעל׳דזשיע) אַ נערוועז-שמערץ.

Neuralgic (ניורעל׳דזשיק) וואָס געהערט צו נערוועז-שמערץ.

Neurology (ניוראָ׳לאָודזשי) דיא נערוועז-לעהרע.

Neuropteral (ניוראָפ׳טערעל) נעץ-פליגעלדיג, נערוועז-פליגעלדיג [פון פליגען וואָס זייערע פליגלען זיינען וויא נעץ-ווערק אדער אויסגעשפרייט אין דער ברייט און אין דער לענג מיט נערוועז].

Neurotic (ניוראָ׳טיק) ז. Nervine.

Neurotomy (ניוראָ׳טאָומי) דיא פערנאַנדער-שניידונג פון דיא נערוועז [אין אַנאַטאָמיע].

Neuter (ניורטער) אונפּאַרטייאיש, גלייכגילטיג; קיינער-לייאיג, מיטעל, ניט-ווייבליך-ניט-מענליך, אָהן געשלעכט; אַן אונפּאַרטייאישער מענש.

Neutral (ניורטרעל) אונפּאַרטייאיש, גלייכגילטיג, פירביידע צדדים גליך, וואָס האַלט ניט פיר דעם ניט פיר יענעם, וואָס מישט זיך ניט; —ly, אונפּאַרטייאיש, גלייכגילטיג.

Neutrality (ניוטרע׳ליטי) אונפּאַרטייליכקייט, גלייכגילטיגקייט; דיא מיטעלקייט.

Neutralize (ניו׳טרעלאַייז) מאַכען אונפּאַרטיי-איש אדער גלייכגילטיג; אונווירקזאַם מאַכען.

Never (נע׳ווער) ניעמאָלס, קיינמאָל; דורכאויס ניט.

Nevertheless (נעווערדהילעס׳) דעננאָך, פון דעסטוועגען.

New (ניו) ניי; פריש.

New-born (ניו-באָרן) ניי-געבאָרען.

Newel (ניו׳על) דיא מיטיגע סלופּעס אדער ברע-טער פון אויסגעדרעהטע טרעפּ.

New-fangle (ניו-פענגל) אַ ניי אויסגעטראַכטע זאַך, אַ נייס.

New-fangled (ניו-פענגלד) ניי אויסגעטראַכט, ניי.

Newish (ניואיש) אַ ביסעל ניי, נייליך.

New-laid (ניו׳-לייד) ניי-געלעגט, פריש; a—egg, אַ ניי-געלעגטעס איי, אַ פרישעס איי.

Newly (ניולי) אויף אַ נייער אַרט; נייליך, אונלענגסט.

New-moon (ניו-מו-ן) ניי-מאָנד [ה. חדש, תתחדש הירח].

Newness (ניונעס) נייקייט, פרישקייט, ניט-לאַנגקייט.

News (ניוז) נאַכריכט, נייאיגקייטען, נייס; אַ ציימונג.

News-gatherer (ניוז׳-געדהערער) אַ נייס-זאַמלער, אַ נייאיגקייטס קלייבער.

Newsman (ניוז׳מען) אַ ציימונגס טרעגער.

News-monger (ניוז-מאָנג׳ער) אַ ציימונגס קרעמער, אַ ציימונגס הענדלער; אַ נייס-ער-צעהלער.

Newspaper (ניוז׳פייפער) אַ ציימונג.

News-writer (ניוז׳-ראַיי׳טער) אַ ציימונגס שרייבער.

Newt (ניוט) אַ מין קליינע וואַסער-יאַשטשעריצע.

New-testament (ניו-טעס׳טעמענט) דער נייער טעסטאַמענט, דיא קריסטליכע תורה [ה. ברית החדשה].

Newtonian (ניוטאָרניען) ניוטאָניש, פון ניוטאָן [וואָס געהערט צו דעם בעריהמטען ענגלישען געלעהרטען סער אייזיק ניוטאָן]; אַ תלמיד פון ניוטאָן, אַ נאָכפאָלגער פון ניוטאָן; אַן אַנ-הענגער פון ניוטאָנ׳ס לעהרע.

Newtonianism (ניוטאָרניעניזם) דיא פילאָזאָפיע פון דעם בעריהמטען ענגלישען געלעהרטען ניוטאָן.

New-year (ניו׳-ייר) ניי-יאָהר [ה. ראש השנה].

New-year's day (ניו-יירז דיי) דער ניי-יאָהרס טאָג.

Next (נעקסט) נעכסט, קינפטיג, צוקינפטיג; נעכסט, שכניש; גלייך נאָך דעם, דערנאָך; ביינאָהע.

Nib (ניב) אַ שנאָבעל; אַ שפּיץ [פון אַ פעדער]; פערשפּיצען [אַ פעדער].

Nibbed (ניבד) מיט אַ שנאָבעל; מיט אַ שפּיץ.

Nibble (ניבל) נאָגען, גריזען, בייסען; טאַרעלן, קריטיזירען; אַ נאָג-טהיער, אַ חיה וואס גריזעט [אַ מויז].

Nibbler (ניבלער) אַ נאָגער, אַ גריזער; אַ טאַדלער, אַ קריטיזירער.

Nice (נאַיס) שעהן; געשמאַק, דעליקאַט; צאַרט, אַנגענעהם; געניי, פּינקטליך; בעדענקליך, קלייבעריש, וועהלעריש; —ly, שעהן; געשמאַק, דעליקאַט; אַנגענעהם; געניי.

Niceness (נאַיסנעס) ז. Nicety.

Nicety (נאַיסטי) שעהנקייט; צאַרטהייט; צערט-ליכקייט; גענויאיגקייט; —to a, גענוי, פּאַל-קאָמען, מיט אַלע פּינטעלאַך, מיט אַלע פּיש-טשעווקעס.

Nich (ניטש) ז. Niche.

Niche (ניטש) אַ פראַמוגע [אַן אויסגעהעהלטער אָרט אין אַ וואַנט—איבערהויפּט פיר אַ בילד-זיילע].

Nick (ניק) דיא פּינקטליכע צייט, דער רעכטער אויגענבליק; אַ קאַרב, אַ פּגימה; אַ סיגנאַטורע; טרעפען דיא רעכטע צייט, מכון זיין דיא שעה; קאַרבען, איינשניידען; בעשניידען אדער בע-פוצען אַ פּערדס עק; in the—, צו רעכטער צייט, גראַדע אין דער צייט; old—, אַ טייוועל; old— to אָדער at, צום טייוועל.

Nickel (ניקעל) ניקעל [אַ מין מעטאַל]; אַ פינף-סענט שטיק אין אַמעריקאַ.

Nicknack (ניקנעק) קליינע וואַרען, קלייניג-קייטען.

Nickname (ניקניים) אַ צונעמענעס, אַ שפּאַט-נאָמען; געבען אַ צונעמענעס אָדער אַ לעכער-ליכען נאָמען.

Nicotian (ניקאָרשען) וואס געהערט צו טאַבאַק אָדער טיטון.

Nictate (ניקטייט) בלינקען, ווינקען [מיט דיא אויגען].

Nictation (ניקטיישאָן) דאָס בלינקען, דאָס ווינקען [מיט דיא אויגען].

Nide (נאַייד) אַ נעסט.

Nidificate (נידיפיקייט) בויען נעסטען, מאַכען נעסטען.

Nidification (נידיפיקיישאָן) דאָס נעסטען, דאָס מאַכען אַ נעסט.

Nidorosity (נאַיידאָראָסיטי) דאָס פּאַסקודנע גרעפּסען.

Nidorous (נאַיידאָראָס) וואָס האָט אַ טוכלען גערוך, פויל.

Nidulation (נידוליישאָן) דיא נעסט-צייט, דיא ברוט-צייט [דיא צייט וואס אַ פויגעל זיצט אין נעסט און בריהט אויס זיינע אייער].

Nidus (נאַיידאָס) אַ נעסט; אַ ברוט-אָרט [אַן אָרט וואו פויגלאַך בריהען אויס זייערע אייער].

Niece (ני-ס) אַ ניכטע, אַ פּלעמעניצע.

Niggard (ניגגערד) אַ קאַרגער מענש; קאַרג.

Niggardish (ניגגערדיש) קאַרגליך.

Niggardliness (ניגגערדלינעס) קאַרגקייט.

Niggardly (ניגגערדלי) קאַרג, גייציג.

Nigh (נאַיי) נאָהענט; ביינאָהע, כמעט.

Nighly (נאַיילי) ביינאָהע, כמעט.

Nighness (נאַיינעס) דיא נאָהענטקייט.

Night (נאַייט) דיא נאַכט; דער אָבענד; ביי נאַכט; to—, היינט ביי נאַכט; היינט אין אָבענד.

Night-born (נאַייט-באָרן) געבאָרען ביי נאַכט.

Night-cap (נאַייט-קעפּ) אַ נאַכט-מיצקע, אַ שלאָף-מיצקע.

Night-cart (נאַייט-קאַרט) אַ נאַכט-וואָגען, אַן עבטרעט-וואָגען [אַ וואָגען אויף וועלכען מען פיהרט ביי נאַכט דיא אויסגעראַמטע טנופת פון דיא אָבטרעטען].

Night-cloud (נאַייט-קלאַוד) נאַכט-פינסטערניס, פינסטערניס.

Night-dew (נאַייט-דיו) אָבענד-טהוי, נאַכט-טהוי.

Night-fall (נאַייט-פאָ-ל) דיא איינברעכענדע נאַכט; at—, ביי דער איינברעכענדער נאַכט.

Night-fire (נאַייט-פאַייר) דאָס אירליכט [אַ ליכטיגקייט וואס בעווייזט זיך איבער זומפיגע ערטער].

Night-foundered (נאַייט-פאַונדערד) אומגע-וואָרפען ביי נאַכט [פון אַ שיף].

Night-gown (נאַייט-גאַון) אַ נאַכט-העמד, אַ שלאָף-העמד.

Night-hag (נאַייט-העג) אַ נאַכט-צויבערין, אַ נאַכט-מכשפה; אַ שד, אַ ניט-גוטער.

Nightingale (נאַייטינגייל) דיא נאַכטיגאַל.

Nightly (נאַייטלי) נעכטליך; ביי נאַכט.

Night-man (נאַייט-מען) אַן אָבטרעט-ראַמער.

Night-mare (נאַייט-מע-ר) דאָס שטיקען פון דער ברוסט ביי נאַכט אין שלאָף; אַ שד, אַ ניט-גוטער.

Night-shade (נאַייט-שייד) דער נאַכט-שאָטען [אַ מין פלאַנצע].

Night-soil (נאַייט-סאָיל) דער דרעק פון אָב-טרעטען.

Night-time (נאַייט-טאַיים) נאַכט-צייט.

Night-walker (נאַיט׳־וואָ-׳קער) אַ נעכטליכער וואַנדערער, אַ נעכטליכער הערומטרייבער; אַ נאַכט־וואַנדלער.

Night-walk (נאַיט׳־וואָ-ק) אַ נאַכט־שפּאַציער.

Night-watch (נאַיט׳־וואָ-טש) אַ נאַכט־וואַך.

Night-work (נאַיט׳־וואָירק) נאַכט־אַרבייט; דאָס אויסראַמען פון אַבטרעטען.

Nigrescent (ניגרעס׳סענט) וואָס ווערט שוואַרץ.

Nihil (נאַיי׳היל) גאַר־נישט.

Nihilism (נאַיי׳היליזם) גאַרנישטקייט, ניכטיג־קייט; דיא לעהרע דאָס מען קען קיין זאַך ניט ויסען; ניהיליזם [דיא לעהרען און אידעען פון דיא פרייהייטס קעמפּפער אין רוסלאַנד].

Nihilist (נאַיי׳היליסט) איינער וואָס גלויבט אין גאַרנישט; אַ ניהיליסט [אַ רוסישער קעמפּפער פיר פּאָליטישע פרייהייט].

Nihility (נאַייהי׳ליטי) דיא גאַרנישטקייט, דיא ניכטיגקייט.

Nill (ניל), will I— I אַ פונק; ניט וועלען; מעג איך וועלען אָדער ניט.

Nimbiferous (נימבי־פעראָס) וואָס ברייננט וואָלקען און שטורם.

Nimble (נימבל),—ly פלינק, שנעל, לעבעדיג.

Nimble-footed (נימבל׳־פו-׳טעד) שנעל־פיסיג, פלינק אויף דיא פיס.

Nimbleness (נימבל׳נעס) שנעלקייט, פלינקקייט, לעבעדיגקייט.

Nimble-witted (נימבל׳־ווט׳טעד) פלינק־וויציג, פאַראַיילינ, שנעל־זיניג.

Nimbus (נים׳באָס) דער הייליגענ־שיין [דער רונדער שיין וויא שטראַהלען הערום דיא קעפּ פון הייליגע לייט ביי קריסטען].

Nincompoop (נינ׳קאָמפּו-פּ) אַ נאַר, אַ פּראָסטאַק.

Nine (נאַיין) ניין, 9; אַ ניינער.

Nine-fold (נאַינ׳־פאָולד) ניינ־פאַך, ניין מאָל אַזוי פיעל.

Nine-holes (נאַיין׳־האָולז) דיא ניין לעכער [אַ קינדערשעס שפּיעל].

Nine-pins (נאַיין׳־פּינז) קעגעל־שפּיעל.

Nine-score (נאַיין׳־סקאָור) הונדערט און אַכציג.

Nineteen (נאַיינ׳טין) ניינצעהן.

Ninetieth (נאַיינ׳טיעטה) דער ניינציגסטער.

Ninety (נאַיינ׳טי) ניינציג.

Ninny (ניג׳ני) אַ נאַר, אַ דומקאָפּ, אַ פּראָסטאַק.

Ninny-hammer (ניג׳ני־העמ׳מער) ז. Ninny.

Ninth (נאַיינטה) דער ניינטער.

Nip (ניפּ) קנייפּען, שטשיפּען; בייסען; שניידען; שטעכען [מיט ווערטער]; to—off, אָבקניי־פּען, אָבבייסען; אַן אבשטשופּע; דער ביס מיט דיא ציינער; דיא שטעכעריי מיט ווערטער.

Nipper (ניפּ׳פער) אַ קלויע, נעגעל; אַ פּאָר־דערסטער צאָהן פון אַ פערד.

Nippers (ניפּ׳פערז) צוואַנגען; דיא פאָרדערסטע ציינער פון אַ פערד.

Nippingly (ניפּ׳פינגלי) בייסענד, שטעכענד [מיט בייסענדען אָדער שטעכענדען שפּאָט].

Nipple (ניפּל) אַ ציצקע, אַ ברוסט־נאַפּעל.

Nit (ניט) אַ נירע, אַ גנידע [אַן איי פון פליגען].

Nitrate (נאַיי׳טרייט) סעליטרע־זויער־זאַלץ.

Nitre (נאַיי׳טער) סעליטרע, סאַלפּעטער.

Nitre-bed (נאַיי׳טער־בעד) ז. Nitriary.

Nitriary (נאַיי׳טריערי) אַ סעליטרע־גרוב, אַ סאַלפּעטער־גרוב.

Nitric (נאַיי׳טריק) פון סעליטרע, סאַלפּעטעריש; —acid, סאַלפּעטער־זויערקייט, סעליטרע־זוי־ערקייט.

Nitrogen (נאַיי׳טראָודזשען) שטיק־שטאָף, שטיק־גאַז.

Nitrous (נאַיי׳טראָס) סעליטריש, סאַלפּעטריש.

Nitry (נאַיי׳טרי) ז. Nitrous.

Nitty (ניט׳טי) גנידעדיג [וואָס האָט פיעלע נידעס אָדער גנידעס].

Niveous (ני׳וויאָס) שנעעאיג; וויא שנעע.

No (נאָו) ניין; ניט; קיין.

Nob (נאָב) אַ פּאָרנעהמע פערזאָן, דיא פּאָר־נעהמסטע פערזאָן.

Nobiliary (נאָובי׳ליערי) דאָס אָדעל־בוך.

Nobilitate (נאָובי׳ליטייט) אָדלען, מאַכען אָדעל.

Nobilitation (נאָובילי׳טיי׳שאָן) דאָס אָדלען, דאָס מאַכען אָדעל.

Nobility (נאָובי׳ליטי) דער אָדעל, דער אָדעל־שטאַנד; דיא אָדעל־לייט.

Noble (נאָובל) אָדעל, אָדעליג; עדעל, הויך, ערהאַבען, פּאָרנעהם, בעריהמט; אַן אָדעליגער, אַן עדעל־מאַן.

Nobleman (נאָובל׳מען) אַן עדעלמאַן, אַן אָדעליגער.

Nobleness (נאָובל׳נעס) דער אָדעל; דיא עדעל־קייט; ערהאַבענקייט.

Noblesse (נאָובלעס׳) ז. Nobility.

Noble-woman (נאָובל׳־וואו-׳מען) אַן עדעל־פרוי.

Nobly (נאָוב׳לי) עדעל.

Nobody (נאָו׳באָדי) קיינער.

Nocent (נאָו׳סענט) שעדליך, פערדערבליך.

Noctambulation (נאָקטעמביולי׳שאָן) נאַכט־וואַנדלעריי.

Noctambulist (נאָקטעמ׳ביוליסט) אַ נאַכט־וואַנדלער.

Noctivagation (נאָקטיוועגיי׳שאָן) דאָס הערום־וואַנדלען ביי נאַכט.

Noctivagrant(נאָקטי־וועגרענט) וואָס וואַנדערט בײַ נאַכט.
Noctuary (נאָק׳טשוערי) אַ בעריכט פון נעכט־ליכע פּאַסירונגען.
Nocturn(נאָק׳טאָירן) נעכטליכע גאָטעס דיענסט.
Nocturnal(נאָקטאָיר׳נעל) נעכטליך, וואָס ווערט געטהאָן בײַ נאַכט.
Nocuous (נאָ׳קיואָס) שעדליך.
Nod (נאָד) זיך נייגען; זיך בעו־געגען; דרעמלען, שלומערן; ווינקען; דאָס שאָקלען מיט׳ן קאָפּ, אַ שאָקעל, אַ וואונק.
Nodder (נאָד׳דער) איינער וואָס שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, איינער וואָס ווינקט מיט׳ן קאָפּ.
Noddy (נאָד׳די) אַ דום־קאָפּ, אַ שוטה, אַ פּראָסטאַק.
Node (נאָוד) אַ קניפּעל; אַן איבער־ביין, אַן אָנוואוקס; אַ גוזיק; אַ קרייץ־פּונקט פון שטערן.
Nodose (נאָדאָוס) קניפּעלדיג, גוזעוואַטע.
Nodous (נאָדאָס) ז. Nodose.
Nodosity (נאָדאָ׳סיטי) קניפּעלדיגקייט, גוזע־וואַטעקייט.
Nodule(נאָ׳דיול) אַ קליינער קניפּעל אָדער גוזיק.
Nog (נאָג) אַ קליין טעפּעל; אַ קובאַק; ביער.
Noggin (נאָג׳גין) ז. Nog.
Nogging (נאָג׳גינג) אַ שייד־וואַנד פון ציגעל.
Noise (נאָיז) אַ גערויש, אַ לאַרם; דאָס רוישען אין די אויערן; שרייען, לאַרמען, מאַכען אַ גערויש.
Noiseful (נאָיז׳פול) גערוישיג, גערוישפול, לאַר־מענד.
Noiseless (נאָיז׳לעס) אָהן גערויש, גערוישלאָז, שטיל.
Noise-maker (נאָיז־מײ׳קער) אַ לאַרם־מאַכער, אַ שרייער.
Noisiness (נאָי׳זינעס) גערוישיגקייט, לאַרם.
Noisome (נאָי׳סאָם) שעדליך, אונגעזונד; ווידריג, עקעלהאַפט, פערפּעסטעט.
Noisomeness (נאָי׳סאָמנעס) ווידריגקייט, עקעל־האַפטיגקייט.
Noisy (נאָי׳זי) גערוישיג, גערוישפול, לערמענד.
Nomad (נאָ׳מעד) הערומציהענד, הערומוואַנ־דערנד; איינער וואָס פיהרט אַ וואַנדער־לעבען; אַ פּאַסטוך.
Nomade (נאָ׳מעד) ז. Nomad.
Nomadic (נאָמע׳דיק) הערומציעהענד, הערומ־וואַנדערנד; אַ פּאַסטוכשער.
Nomadize (נאָ׳מעדאַייז) פּיהרען אַ פּאַסטוכשען לעבען, פיהרען אַ וואַנדער־לעבען.
Nombles (נאָמבלז) די איינגעווייד פון אַ הירש.
Nomenclator (נאָ׳מענקלייטאָר) אַ נאָמענ־ווייסער, אַ נאָמענ־געבער [איינער וואָס גיט פערשיעדענע זאַכען נעמען אין וויסענשאַפט].
Nomenclature (נאָומענקליי׳טשור) נעמענ־פערצייכניס; בענענונגען.
Nominal (נאָ׳מינעל) נאָמענטליך, דעם —ly, נאָמען נאָך, בלויז אין נאָמען.
Nominate (נאָ׳מינייט) ערנענען, בעשטימען.
Nominately(נאָ׳מינייטלי) נעמליך, בעזאָנדערס.
Nomination (נאָמיניי׳שאָן) דיא ערנענונג, דיא בעשטימונג.
Nominative (נאָ׳מינייטיוו) דער נאָמענ־פאַל, דער נאָמינאַטיפ־פאַל [אַ וואָרט אין דעם נאָמענ־פאַל שטעלט פאָר אַ פּערזאָן אָדער זאַך וואָס ווירקט אָדער טהוט עטוואָס, וויא „יונגעל" אין דעם זאַץ „דער יונגעל שפּיעלט" און „טיש" אין דעם זאַץ „דער טיש שטעהט"].
Nominator (נאָ׳מינייטאָר) אַן ערנענער, אַ בעו־שטימער [צו אַ שטעלע אָדער אַן אַמט].
Nominee (נאָ׳מיני־) אַן ערנאַנטער, אַ בעו־שטימטער [צו אַ שטעלע אָדער אַן אַמט].
Nomothetic (נאָמאָטהע׳טיק) נאָמאָטהע׳טיק. געזעצ־געבענד.
Nomothetical (נאָמאָטהע׳טיקעל) ז. Nomo-thetic.
Non (נאָן) ניט, אוּנ־ [אין צוזאַמענזעצונגען מיט אַנדערע ווערטער].
Non-ability (נאָן־עבי׳לימי) אונפעהיגקייט.
Nonagesimal (נאָנעדזשע׳סימעל) דער נײַנציג־סטער.
Non-appearance (נאָן־עפּי׳־רענס) דאָס ניט־ערשיינען, דאָס ניט־מעלדען זיך.
Non-attendance(נאָן־עטענ׳דענס) דאָס אויסענ־בלייבען, דאָס ניט זיין, דיא אבוועזענהייט.
Nonage (נאָ׳ניידזש) אונמינדעריגקייט, מינדער־יעהריגקייט, ניט פול־יעהריגקייט.
Nonaged (נאָ׳ניידזש) אונמינדעריג, מינדער־יעה־ריג, ניט פול־יעהריג.
Nonagenarian (נאָנעדזשעניי׳ריען) אַ נײַנציג־יעהריגער אַלטער מענש.
Nonchalance(נאָנ׳שאַלאַנס) אונבעקימערטקייט.
Nonchalant (נאָנ׳שאַלאַנט) אונבעקימערט.
Non-claim (נאָנ׳קליים) ניט־פאָדערונג.
Non-committal (נאָן׳-קאָמיט׳טעל) וואָס וויל ניט געבען קיין מיינונג.
Non-compliance (נאָן׳־קאָמפּלאַיי׳ענס) אונ־ווילליגקייט, ניט־פאָלגונג.
Non-conductor(נאָן׳־קאָנדאָק׳טאָר) אַ זאַך וואָס לאָזט ניט דורכגעהן קיין עלעקטריציטעט אַד. הייץ.
Non-conformist (נאָן־קאָנפאָר׳מיסט) איינער וואָס געהט ניט נאָך דיא פאָרשריפטען פון דער קירכע.
Non-conformity (נאָן־קאָנפאָר׳מיטי) דיא ניט־איבעראיינשטימונג.
Non-content (נאָן־קאָנטענט) וואָס ניט אַ

שטימע געגען, איינער וואס ווארפט א שווארצע גאלקע.

Non-descript (נאָן׳=ריסקריפּט׳) נאָך אונבע= שריעבען.

None (נאָן) קיין, קיינער; ניט.

Non-elect (נאָן=אילעקט׳) איינער וואס איז ניט אויסגעוועהלט.

Non-entity (נאָן=ענ׳טיטי) דאס ניט=זיין, דאס ניט=עקסיסטירען; גאָרנישט.

Nones (נאָונז) דיא נאָנעס [אַזוי הייסען אין דעם רוימישען קאַלענדאַר דער פינפטער טאָג פון דעם מאָנאַט יאַנואַר, נאָוועמבער, אַפּריל, יוני, אויגוסט, סעפּטעמבער, נאָוועמבער און דעצעמבער, און דער זיבעטער טאָג פון מערץ, מאַי, יולי און אָקטאָבער].

Nonsuch (נאָנ׳סאַטש) ז. Nonesuch.

Nonesuch (נאָנ׳סאַטש) אונפערגלייכליך, אָהן גלייכען.

Non-execution (נאָן=עקסיקיו׳שאָן) דאס ניט פּאָלציעהען, דאס ניט ערפילען.

Non-existance(נאָן=עגזיס׳טענס) ז. Non-entity.

Nonius (נאָ׳ניאָס) דער סעקונדענ=טהיילער [אין מאַטהעמאַטיק].

Non-juring (נאָן=דזשורינג) וואס וויל ניט שווערען טרייהייט.

Non-juror (נאָן=דזשוראָר) איינער וואס וויל ניט שווערען טרייהייט.

Non-observance (נאָן=אָבזאָיר׳וועַנס) דיא ניט= בעאָבאַכטונג, דיא ניט=היטונג, דיא ניט=האַלטונג.

Nonpareil (נאָנפּערעל׳) אונפערגלייכליכקייט; נאָמפּאַרעל [אַ מין קליינע דרוק=שריפט].

Non-payment(נאָן=פּיי׳מענט) דיא ניט=צאָהלונג.

Non-performance(נאָן=פּערפאָר׳מענס) ז. Non-execution.

Nonplus (נאָנ׳פּלאָס) אַ פערלעגענהייט; ברייננ= גען צום שטיל=שווייגען; to be at a—, זיין אין פערלעגענהייט; to put to a—, ברייננען אין פערלעגענהייט.

Non-residence (נאָן=רע׳זידענס) דיא אבוועַ= זענהייט פון אַ וואָהנ=אָרט.

Non-resident (נאָן=רע׳זידענט) אַבוועזענד פון אַ וואָהנ=אָרט.

Nonsense (נאָנ׳סענס) אַן אונזין, אַ דומע זאך.

Nonsensical (נאָנסענ׳סיקעל) זינלאָז, דום.

Nonsensicalness (נאָנסענ׳סיקעלנעס) אונזיניג= קייט, דומקייט.

Non-solvency(נאָן=סאָל׳ווענסי) ז. Insolvency.

Non-solvent (נאָן=סאָל׳ווענט) ז. Insolvent.

Non-suit (נאָן׳=סיו-ט) דיא אויפגעבונג פון אַ געריכטס פּראָצעס [דיא ניט=ערשיינונג פון אַ קלעגער פאַר געריכט דורך וועלכע ער ווייזט דאס ער וויל אוועגוואַרפען דעם פּראָצעס; סיטטשיילען אָדער ענטשיידען דאס דער קלע= גער ניט אויף דעם פּראָצעס אַזוי וויא ער איז ניט געקומען ווען מען האָט איהם גערופען פאַר געריכט.

Noodle (נו-דל) אַ נאַר, אַ שוטה.

Nook (נו-ק) אַ ווינקעל.

Noon (נו-ן) דער מיטטאָג=צייט, 12 אַ זייגער; מיטען; —of night, מיטען נאַכט.

Noon-day (נו-ן׳=דיי) מיטטאָג, מיטטאָג=צייט; מיטטאָגיג; —at, אין העלען טאָג.

Nooning (נו-׳נינג) דער מיטטאָגס אָברוה, דער מיטטאָגס שלאָף; מיטאָג, וואַרמעס.

Noon-stead (נו-ן׳=סטעד) דער שטאַנד פון דער זון מיטטאָג=צייט.

Noon-tide (נו-ן׳=טאַייד) ז. Noon-day.

Noose (נו-ז) אַ פּעטליע, אַ נעץ; פאַנגען אין אַ פּעטליע אָדער אַ נעץ.

Nopal (נאָ׳פּעל) דער אינדי׳שער פייגענבוים.

Nope (נאָופּ) דער בלומפינק [אַ מין פויגעל].

Nor (נאָר) ניט; אויך ניט.

Normal (נאָר׳מעל) רעגעלמעסיג; העראַבהענג= גענד [ה. דרך אנך].

Norman (נאָר׳מען) נאָרמאַנדיש, וואס געהערט צו נאָרמאַנדיע [אַן אַלטע פראַנצויזישע פּראָ= ווינץ]; אַ מין אַרכיטעקטור אָדער בוי=אָרט.

North (נאָרטה) נאָרד, נאָרד=זייט, צפון זייט.

North-east (נאָרטה=אי-סט׳) נאָרד=אָסט [ה. צפונית=מזרחית].

North-eastern (נאָרטה=איס׳טערן) נאָרד=עסט= ליך, וואס געהערט צו נאָרד=אָסט [ה. צפוני= מזרחי].

Northerly (נאָרדה׳ערלי) נערדליך, צפוני=זייטיג.

Northern (נאָר׳דהערן) ז. Northerly.

North-star (נאָרטה׳=סטאַר) אַ נאָרד=שטערן [ה. ככב הצפון].

Northward (נאָרטה׳וואָירד) נאָרדווערטס, צום נאָרדען [ה. לצד צפון].

Northwards (נאָרטה׳וואָירדז) ז. Northward.

North-west (נאָרטה=וועסט׳) נאָרד=וועסט [ה. צפונית=מערבית].

North-western (נאָרטה=וועס׳טערן) נאָרד= וועסטליך [ה. צפוני=מערבי].

North-wind (נאָרטה׳=ווינד) דער נאָרד=ווינד [ה. רוח צפוני].

Nose (נאָוז) דיא נאָז; דאס רעהר פון אַ בלאָז= זאַק; שמעקען; זיך ווידערן, זיך נעגנבען.

Nose-bag (נאָוז׳=בעג) אַ שפּייז=טאָרבע, אַ שפּייז=זעקעל [פיר פערד].

Nose-band (נאָוז׳=בענד) דער נאָז=באַנד [ביין צאַם פון אַ פערד].

Nose-bleed (נאָוז־בליד) דאָס בלוט־גיעהן פון נאָז.

Nosed (נאָוזד) מיט אַ נאָז, נאָזיג.

Nosegay (נאָוזגיי) אַ בוקעט בלומען.

Noseless (נאָוזלעס) אָהן אַ נאָז.

Nose-smart (נאָוז־סמאַרט) דיא נאַסטורציע [אַ מין פלאַנצע].

Nosethril (נאָוסטהריל) ז. Nostril.

Nosle (נאָזל) ז. Nozle.

Nosocomical (נאָוסאָקאָמיקעל) וואָס געהערט צו קראַנקען־הייזער אָדער צו האָספּיטאַלען.

Nosological (נאָוסאָלאָדזשיקעל) וואָס געהערט צו דער קראַנקהייטס לעהרע.

Nosology (נאָוסאָלאָדזשי) דיא קראַנקהייטס לעהרע, דיא לעהרע וועגען קראַנקהייטען.

Nostalgia (נאָסטעלדזשיע) היים־וועה, היים־זוכט, דאָס פערבענקען נאָך דער היים.

Nostoch (נאָסטאָק) דיא הימעלס בלום, דאָס נאָסטאָך [אַ מין פלאַנצע].

Nostril (נאָסטריל) אַ נאָז־לאָך [ה. נחיר].

Nostrum (נאָסטראָם) אַ וואונדער־מיטעל, אַ וואונדער היילמיטעל.

Not (נאָט) ניט.

Notable (נאָוטעבל) מערקווירדיג, אַנזעהנליך; פלייסיג.

Notableness (נאָוטעבלנעס) דיא מערקוויר־דיגקייט, אַנזעהנליכקייט.

Notably (נאָוטעבלי) מערקווירדיג.

Notarial (נאָוטיירִיעל) נאָטאַריעל, פון אַ נאָ־טאַריוס; בעגלויביגט אָדער בעשטעטיגט פון אַ נאָטאַריוס.

Notary (נאָוטערי) אַ נאָטאַריוס.

Notation (נאָוטיישאָן) דיא אויפצייכנונג דורך ציפער [דיא סיסטעם פון אויפצייכנען צאָהלען מיט ציפער אין דער רעכענקונסט].

Notch (נאָטש) אַן איינשניט, אַ קאַרב; איינ־שניידען, איינקאַרבען.

Notch-board (נאָטש־באָורד) דיא טרעפּ־שפּינ־דעל, דאָס זייטענ־ברעט פון טרעפּ.

Notch-weed (נאָטש־וויד) [ד. אַ מין פלאַנצע] מעלדע.

Notch-wheel (נאָטש־הוויל) דאָס צעהל־ראַד אין אַ זייגער.

Note (נאָוט) אַ צייכען; אַ צעטעל; אַן אַנמער־קונג [ה. הערה]; וויכטיגקייט; אַנזעהן; אַ מוזיקאַלישע נאָט; אַ טאָן; אַנמערקען, אַנ־שרייבען; בעמערקען; זעצען אויף נאָטען, שרייבען מיט נאָטען; —of, אַנגעזעהן, פון בעדייטונג, פון רוף.

Note-book (נאָוט־בוק) אַ נאָטיצ־בוך, אַ פער־צייכניס־בוך.

Noted (נאָוטעד) בעזאָנדערס, בעריהמט; —ly, פאָלקאָמען.

Noter (נאָוטער) אַן אַנמערקער, אַן ערקלעהרער.

Noteworthy (נאָוטוואָירדהי) מערקווירדיג.

Noteless (נאָוטלעס) אונבעמערקבאַר, אונ־בעקאַנט.

Nothing (נאָטהינג) גאַרנישט; —less than, גאַנץ, גענצליך, פאָלקאָמען; —to make of, גרינג אַכטען, גאַרנישט מאַכען פון...

Nothingness (נאָטהינגנעס) ניכטיגקייט, גאַר־נישטקייט; גאַרנישט, דאָס ניכטס.

Notice (נאָוטיס) דיא בעמערקונג; דיא אויפ־מערקזאַמקייט, דיא אַכטונג; נאַכריכט, קענט־ניס; בעמערקען; אַכטען, ריקזיכט נעהמען, נעהמען אין אַכטונג; —to take of, בעמער־קען, נעהמען נאָטיץ, נעהמען קענטניס פון עפּעס; —to give, בענאַכריכטיגען, מיט־טהיילען; —to give to quit, אויפקינדיגען [צו פערלאָזען עפּעס וויא אַ וואוינונג].

Noticeable (נאָוטיסעבל) בעמערקונגס ווירדיג.

Notification (נאָוטיפיקיישאָן) דיא מעלדונג, דיא בעקאַנטמאַכונג.

Notify (נאָוטיפאַיי) מעלדען, בעקאַנט מאַכען.

Notion (נאָושאָן) אַ בעגריף, אַן אידעע; אַ מיינונג; אַן אַבזיכט; אַ לוסט, אַ חשק, אַ בעגייערדע.

Notional (נאָושאָנעל), —ly, איינגעבילדעט; אידעאַליש.

Notoriety (נאָוטאָראַייאיטי) קונדבאַרקייט, בעקאַנטקייט, בעריהמטקייט, בעוואוסטקייט.

Notorious (נאָוטאָריאָס), —ly, בעקאַנט, בע־ריהמט, בעוואוסט.

Nott-pated (נאָט־פּייטעד) גלאַט געשאָרען, קורץ געשאָרען.

Notus (נאָוטאָס) אַ זיד־ווינד, אַ ווינד פון דרום־זייט [ה. רוח דרומי].

Notwithstanding (נאָטווידהסטענדינג) נישט קוקענדיג, חאָטש, אונגעאַכטעט.

Nought (נאָ־ט) ז. Naught.

Nouzle (נאָזל) ז. Nuzzle.

Noun (נאַון) אַ הויפּט־וואָרט, אַ זאַכ־וואָרט [אַ וואָרט וואָס בעצייכענט אַ פּערזאָן אָדער אַ זאַך—אין גראַמאַטיק].

Nourish (נאָריש) נעהרען; ערהאַלטען.

Nourishable (נאָרישעבל) וואָס קען גענעהרט ווערען, וואָס קען ערהאַלטען נאַהרונג.

Nourisher (נאָרישער) אַן ערנעהרער, אַן ער־נעהרערין.

Nourishing (נאָרישינג) ערנעהרענד, נאַהר־האַפט.

Nourishment (נאָ׳רישמענט) נאַהרונג.
Nous (נאַוס) קאָפּ, פערשטאַנד, שכל.
Novator (נאָו-װײ׳טאָר) ז. Innovator.
Novel (נאָ׳װעל) נײ; אַ נאָװעלע, אַן ערצעהלונג, אַ ראָמאַן.
Novelist (נאָ׳װעליסט) אַ נאָװעלען-שרײבער, אַ שרײבער פון ערצעהלונגען, אַ ראָמאַנען-שרײבער.
Novelty (נאָ׳װעלטי) דיא נײדהײט, אַ נײס, אַ נײע זאַך [ה. דבר חדש].
Novel-writer (נאָ׳װעל-ראַײ׳טער) ז. Novelist.
November (נאָו-װעמ׳בער) דער מאָנאַט נאָװעמבער; דער נאָװעמבערשער.
Novenary (נאָ׳װינערי) דיא צאָהל נײן.
Novennial (נאָו-װענ׳ניעל) נײן-יעהרליך, אַלע נײן יאָהר.
Novercal (נאָו-װאָיר׳קעל) שטיפ-מוטערליך.
Novice (נאָ׳װיס) אַ נײלינג, אַ נײער שילער, אַן אַנפענגער, אַ פריץ.
Novitiate (נאָו-װי׳שיאײט) אָנפאַנג-צײט [אין לערנען]; אַ נײלינג, אַן אָנפענגער.
Now (נאַו) איצט, יעצט; אָבער; דאַן; דיא געגענװערטיגע צײט; —and then, פון צײט צו צײט, װען ניט װען; —but, ניט לאַנג, אַ קורצע װײלע צוריק; —how, װאָס איז עס? —just, זאָגלײך, יעצט עבען.
Nowadays (נאַו׳ערײז) הײנט צו טאָג, אין הײנטיגע צײטען.
Noways (נאָו׳װײז) ז. Nowise.
Nowhere (נאָו׳הװע-ר) אין ערגעץ ניט.
Nowise (נאָו׳װאַײז) קײנעס װעגס, קײנס פאַלס.
Noxious (נאָק׳שאָס) שעדליך, געפעהרליך. —ly,
Noxiousness (נאָק׳שאָסנעס) שעדליכקײט, געפעהרליכקײט.
Nozle (נאָזל) ז. Nozzle.
Nozzle (נאָזל) אַ נאָז, אַ שנױץ; אַ רערעל [פון אַ לײכטער אָדער פון אַ בלאָז-זאַק].
Nubile (ניו׳ביל) מאַנבאַר, הײראַטהבאַר, װאָס איז פעהיג צו הײראַטהען.
Nubility (ניובי׳ליטי) דיא מאַנבאַרקײט, דיא פעהיגקײט צו הײראַטהען.
Nucleus (ניו׳קליאָס) אַ קערן, אַ קערנדל; דער אַנפאַנג.
Nudation (ניודײ׳שאָן) ז. Denudation.
Nude (ניוד) נאַקעט, בלױז.
Nudge (נאַדזש) לײכט אָנריהרען מיט׳ן עלענבױגען; אַ ריהר.
Nudity (ניו׳דיטי) דיא נאַקעטקײט, דיא בלױזקײט.
Nugacity (ניוגע׳סיטי) אַ קלײניגקײט, אַ פוסטע זאַך, פוסטע זאַכען.
Nugatory (ניו׳געטאָרי) אונבעדײטענד, פוסט; אונקרעפטיג, נוצלאָז.
Nugget (נאַג׳געט) אַ שטיקעל, אַ מאַסע; אַ שטיק רױהעס גאָלד.
Nuisance (ניו׳סענס) שעדליכקײט, עפּעס װאָס בעאונרוהיגט, אַ פּעסט, אַ זאַראַזע, אַן אָנטשעפּעניש.
Null (נאָל) ניכטיג, אונגילטיג.
Nullify (נאָל׳ליפאַײ) פערניכטען, צו גאָרנישט מאַכען, אונגילטיג מאַכען.
Nullity (נאָל׳ליטי) דיא ניכטיגקײט, דיא אונגילטיגקײט.
Numb (נאָם) בעטױבט; בעטױבען.
Number (נאָמ׳בער) אַ צאָהל; אַ נומער; אַ סך, אַ מענגע; אַ נומער, אַ ליפערונג [פון אַ צײטונג אָדער בוך]; האַרמאָניע; אַ טאָן; צעהלען, רעכנען; צורעכנען; נומערירען.
Numberer (נאָמ׳בערער) אַ צעהלער.
Numberless (נאָמ׳בערלעס) אונצעהלבאַר.
Numbers (נאָמ׳בערז) צאָהלען [ה. מספרים]; דאָס פערטע בוך פון תורת משה [ה. ספר במדבר]; טענער.
Numbles (נאָמבלז) ז. Nombles.
Numbness (נאָמ׳נעס) דיא בעטױבטקײט.
Numerable (ניו׳מערעבל) צעהלבאַר.
Numeral (ניו׳מערעל) פון אַ צאָהל; אַ צאָהל-װאָרט; אַ צאָהל-צײכען, אַ ציפער.
Numerally (ניו׳מערעלי) נאָך דער צאָהל.
Numeration (ניומערײ׳שאָן) דאָס צעהלען.
Numerator (ניו׳מערײטאָר) דער צעהלער [אַ ציפער פון אַ דראָב-צאָהל װאָס װײזט װיפיעל טהײלען עס װערען גענומען װיא דער 5 אין דראָב-צאָהל 5/7 = פינף זיבעטלאַך.
Numeric (ניומע׳ריק) ז. Numerical.
Numerical (ניומע׳ריקעל) װאָס בעצײכענט צאָהל; —ly, נאָך דער צאָהל, אין צאָהל.
Numerist (ניו׳מעריסט) אַ רעכנער, אַ בערעכנער.
Numerous (ניו׳מעראָס) צאַהלרײך; מעלאָדיש, האַרמאָניש, שעהנקלינגענד.
Numerously (ניו׳מעראָסלי) אין גרױסע מאַסען, אין גרױסער צאָהל, פיעל.
Numerousness (ניו׳מעראָסנעס) דיא פיעלקײט, דיא גרױסע צאָהל; מעלאָדישקײט, האַרמאָניע, שעהנקלינגיגקײט.
Numismatic (ניומיסמע׳טיק) װאָס געהערט צו דער מינצען-לעהרע [ז. Numismatics].
Numismatics (ניומיסמע׳טיקס) דיא מינצען-לעהרע, דיא װיסענשאַפט איבער מטבעות, דיא קענטניס פון מינצען און מעדאַליען.
Numismatologist (ניומיסמעטאָ׳לאָדזשיסט) אַ

מינצענ=קענער, איינער וואָס בעזיצט דיא ווי=סענשאַפט איבער מטבעות און מעדאַליען.

Numismatology (ניומיסמעטאָ'לאָודזשי) דיא מינצענ=בעשרייבונג, דיא בעשרייבונג פון מינ=צען און מעדאַליען.

Nummary (נאַמ'מערי) וואָס געהערט צו געלד.

Nummular (נאַמ'מיולער) ז. Nummary.

Numps (נאַמפּס) ז. Numskull.

Numskull (נאַמ'סקאַל) אַ דומ=קאָפּ, אַ בולי=וואַן, אַ שוטה.

Numskulled (נאַמ'סקאַלד) דומ=קעפּיג.

Nun (נאַן) אַ מאָנאַשקע, אַ קלויסטער=פרוי.

Nunchion (נאַנ'טשאַן) ז. Luncheon.

Nunciature (נאַנ'שיאַיטשור) דיא פּאַפּסטליכע באָטשאַפט, דיא שליחות פון פּאַפּסט.

Nuncio (נאַנ'שיאָו) אַ פּאַפּסטליכער געזאַנדטער, אַ שליח פון דעם פּאַפּסט.

Nuncupative (נאַנקיו'פּעטיוו) מינדליך אויס=געשפּראָכען, בלויז אין נאָמען, דעם נאָמען נאָך.

Nuncupatory (נאַנקיו'פּעטאָרי) ז. Nuncupative.

Nundinal (נאַנ'דינעל) וואָס געהערט צו ירידען, וואָס געהערט צו מאַרק=טעג.

Nundinary (נאַנ'דינערי) ז. Nundinal.

Nunnery (נאַנ'נערי) אַ קלויסטער פיר מאָ=נאַשקעס, אַ מאָנאַסטיר פיר פרויען.

Nuptial (נאַפּ'שעל) וואָס געהערט צו חתונה, האָכצייטליך; וואָס געהערט צו הייראַטה אָדער צום הייראַטה=לעבען.

Nuptials (נאַפּ'שעלז) דיא האָכצייט, חתונה, טראַונג.

Nurse (נאָירס) אַ קינדער=ווערטערין, אַן אַם; אַ קראַנקענ=ווערטערין; אַן אַלטע פרוי; פּפלע=גען, וואַרטען, בעדיענען; נעהרען, זויגען; to—up, פערצעטלען; אָנשטיפּטען, אויפרודערן.

Nurse-maid (נאָירס'מייד) אַ קינדער=מיידעל, אַ קינדער=ווערטערין.

Nurse-pond (נאָירס'פּאָנד) אַ פיש=האַלטער [אַ טייכעל וואָס האַלט פיש].

Nurser (נאָיר'סער) אַן אויפ=רודערער; a—of seditions, אַן אָנשטיפּטער פון אונרוהען.

Nursery (נאָיר'סערי) אַן ערציהונגס שטוב, אַן אַם=שטוב, אַ קינדער=שטוב; אַ קינדער ער=ציהונגס אַנשטאַלט; אַ פּלאַנצענ=שולע; אַ זייד=ווערים=הויז.

Nursery-garden (נאָיר'סערי=גאַרדן) אַ בוימ=גאַרטען.

Nursery-maid (נאָיר'סערי=מייד) ז. Nurse-maid.

Nursery-man (נאָיר'סערי=מען) אַ בוימ=גערטנער.

Nursling (נאָירס'לינג) אַ פּפלעג=קינד, אַן ער=ציהונגס קינד; אַ ליעבלינג.

Nurture (נאָיר'טשור) ערציהונג; נאַהרונג; ערציהען; נעהרען.

Nusance (ניו'סענס) ז. Nuisance.

Nut (נאַט) אַ נוס; אַ ניסעל; אַ שרויבענ=מוטער [אין אַ לעכעל אויסגעדרעהט אַ קווינט אין וועלכען עס קומט הערייַן אַ שרויף]; קלייבען ניס, רייסען ניס.

Nutant (ניו'טענט) שאָקלענד.

Nutation (ניוטיי'שאַן) דאָס שאָקלען, דאָס בעוועגען=זיך [פון דער ערד=אַקס].

Nut-bolt (נאַט'=באָולט) אַ פעררוקער מיט אַ שרויפ=לאָך.

Nut-brown (נאַט'=בראַון) נוס=ברוין, נוס=פאַרביג.

Nut-cracker (נאַט'=קרעק'קער) אַ נוס=קנאַקער.

Nut-gall (נאַט'=גאָ-ל) אַ גאַל=עפּעל, גאַלעש, אַ טינט=נוס.

Nut-hatch (נאַט'=העטש) ז. Nut-pecker.

Nut-hook (נאַט'=הו-ק) אַ נוס=ברעכער, אַ נוס=רייסער [אַ פלאָקען מיט אַ קרוק הערונטער=צושלעפּען צווייגען צו רייסען ניס]; אַ גנב וואָס גנבעט הערויס וואַרע דורך אַ פענסטער מיט אַ פלאָקען און אַ קרוק.

Nutmeg (נאַט'מעג) אַ מושקאַטענ=נוס, דער מושקאַט.

Nutmeg-tree (נאַט'מעג=טרי-) דער מושקאַטענ=בוים [אַ מין נוס=בוים].

Nutmeg-shell (נאַט'מעג=שעל) מושקאַטענ=שאָלאָכץ, מושקאַטענ=הילזע.

Nut-oil (נאַט'=איל) נוס=אייל.

Nut-pecker (נאַט'=פּעק'קער) דער נוס=פּיקער, דער נוס=קנאַקער [אַ מין פויגעל—ר. נוסס=העהער].

Nutrient (ניו'טריענט) ז. Nutrimental.

Nutriment (ניו'טרימענט) נאַהרונג, שפּייז, פוטער.

Nutrimental (ניוטרימענ'טעל) נעהרענד, נאַהרהאַפט.

Nutrition (ניוטרי'שאַן) דיא ערנעהרונג; נאַהרונג.

Nutritious (ניוטרי'שאַס) נעהרענד, נאַהרהאַפט, ערנעהרענד; זאַפטיג, קרעפטיג.

Nutritive (ניו'טריטיוו) ז. Nutritious.

Nut-shell (נאַט'=שעל) אַ נוס=שאָלאָכץ, אַ שאָ=לאָכץ פון אַ נוס.

Nut-tree (נאַט'=טרי-) אַ נוס=בוים, אַ נוס=קוסט.

Nut-tribe (נאַט'=טראַייב) דיא שאָלאָכצ=פרוכט [וויא ניס].

Nux-vomica (נאָקס׳=וואָ׳מיקע) אַ ברעכ=נוס, אַן אָבפיהרונגס נוס.

Nuzzle (נאָזל) נעהרען, פלעגען, אויפפאַסען, ערציהען; אוועגשטעלען, אַוועגזעצען; נעסטען, בעהאַלטען דעם קאָפּ, זיך איינטוליען, זיך בעהאַלטען.

Nyctalopia (ניקטעלאָ׳פּיע) טאָג=בלינדקייט [אַ בלינדקייט פאַר דיא ליכטיגקייט פון טאָג].

Nyctalops (ניק׳טעלאָפּס) אַ טאָג=בלינדער [איי= נער וואָס איז בלינד פאַר דעם ליכט פון טאָג און קען נאָר זעהן אין דונקעלן שאָטען].

Nyctalopy (ניק׳טעלאָפּי) ז. Nyctalopia.

Nye (נאַיי) אַ סטאַדע אָדער קאָמפּאַניע פאַזאַנען [אַזעלכע פויגלאַך].

Nymph (נימף) אַ וואַלד=געטין; אַ שעהנעס מעדכען; אַ פרויענצימער; דאָס ווערימעל פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך אַ פליעג.

Nimpha (נימ׳פע) דאָס ווערימעל פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך אַ פליעג.

Nymphean (נימ׳פיען) וויא אַ וואַלד=מעדכען, וויא אַ וואַלד=געטין.

Nymphly (נימפ׳לי) ז. Nymphean.

Nymphomania (נימפאָומיי׳ניע) מאַנס זוכט, מאַנס ליעבע, ליידענשאַפט צו אַ מאַן [דיא תאוה פון פרויען צו אַ מאַנספּערזאָן].

Nystagmos (ניסטעג׳מאָס) אַ וואונק מיט דיא אויגען.

O

O (אָו) אָ! אָך!

Oaf (אָוף) אַ נאַר, אַ בולוואַן.

Oafish (אָ׳פיש) נאַריש, דום.

Oak (אָוק) אַ דעמב, אַ דעמבאָווער בוים.

Oak-apple (אָוק׳=עפּל) גאַל=עפּעל, גאָלעש.

Oak-bark (אָוק׳=באַרק) דעמבאָווע קאָרע, דיא קאָרע פון אַ דעמב.

Oak-gall (אָוק׳=גאָ-ל) ז. Oak-apple.

Oaken (אָוקן) אַ דעמבאָווער, פון דעמבאָווען האָלץ.

Oak-grove (אָוק׳=גראָו=וו) אַ וועלדעל פון דעמ= בעס אָדער דעמבאָווע בוימער.

Oakling (אָוק׳לינג) אַ יונגער דעמב, אַ יונגער דעמבאָווער בוים.

Oakum (אָ׳קום) פערנאַנדערגענומענע שטריק [וואָס ווערט בענוצט צום פערשטאָפּען שפּאַל= טען אין שיפען].

Oakum-boy (אָ׳קאָם=באָי) אַ יונג וואָס נעמט פערנאַנדער שטריק און פערשטאָפּט מיט זיי שפּאַלטען פון אַ שיף.

Oaky (אָ׳קי) האַרט וויא דעמב, דעמבאָווע.

Oar (אָור) אַ רודער, אַ וואַסער=לאָפּעטקע פון אַ שיפעל; רודערן.

Oared (אָורד) רודעריג, מיט רודערס [פון אַ שיפעל].

Oar-maker (אָור׳=מיי׳קער) אַ רודער=מאַכער [איינער וואָס מאַכט רודערס פון אַ שיפעל].

Oarsman (אָורז׳מען) אַ רודערער, אַ רודער מאַן [איינער וואָס רודערט אַ שיפעל]; מ. Oarsmen.

Oary (אָ׳רי) רודער=פערמיג, וויא אַ רודער.

Oasis (אָ׳עסיס) אַ פרוכטבאַרער אָרט אין אַ וויסטעניי; מ. Oases.

Oast (אָוסט) ז. Oust.

Ost (אָסט) ז. Oust.

Oust (אַוסט) אַן אויווען צום טריקענען האָפּענס אָדער מאַלץ, אַ האָפּען=אויווען, אַ מאַלצ= אויווען.

Oat (אָוט) האָבער.

Oaten (אָוטן) פון האָבער, אַ האָבערנער.

Oat-grass (אָוט׳=גרעס) פיטער=האָבער.

Oath (אָוטה) אַ שבועה, אַ שוואור.

Oat-meal (אָוט׳=מי-ל) האָבער=מעהל.

Oats (אָוטס) האָבער.

Obduracy (אָב׳דיורעסי) דיא פערהאַרטונג, דיא אונערביטליכקייט, האַרט=הערציגקייט, איינגע= שפּאַרטקייט, איינגע׳עקשנ׳טקייט.

Obdurate (אָב׳דיורייט), **—ly** פערהאַרטעט, האַרט, האַרט=הערציג, איינגעשפּאַרט, האַרט= נעקיג.

Obduration (אָבדיוריי׳שאָן) ז. Obduracy.

Obedience (אָוביי׳דיענס) געהאָרזאַמקייט, אונ= טערווערפונג.

Obedient (אָוביי׳דיענט), **—ly** געהאָרזאַם, אונ= טערוואָרפען.

Obediential (אָובידיענ׳שעל) געהאָרזאַם.

Obeisance (אָוביי׳סענס) אַ פערבייגונג, אַ פער= נייגונג [אויס רעספּעקט].

Obelisk (אָ׳בעליסק) אַן אָבעליסק [אַ הויכע פערשפּיצטע מצבה פון שטיין אין דעם פאַר= צייטיגען עגיפּטען]; אַ קרייץ, א צלם [אַ צייכען פון אַן אַנמערקונג אין דרוק-שריפט].

Obese (אָובים׳) לייביג, פעט.

Obesity (אָובע׳סיטי) פעט=לייביגקייט.

Obey (אָוביי׳) געהאָרכען, פאָלגען.

Obfuscate (אַבפאָס׳קייט) פערפינסטערן, פער= דונקלען.

Obfuscation (אָבפאָסקיי׳שאָן) דיא פערפינסטע= רונג, דיא פערדונקלונג.

Obit (אָ׳ביט) דער טוידט [ה. פטירה]; אַ תפלה נאָך אַ טוידטען [ה. הזכרת נשמות].

Obitual (אָובי׳טשועל) וואָס געהערט צו טוידט; וואָס געהערט צו אַ טוידטענ=געבעט.

Obituary (אָביטשוערי) אַ טוידטען-פערצייכניס; וואָס געהערט צו טוידט.

Object (אָבדזשעקט) אַ געגענשטאַנד, אַ זאַך; אַ ציעל, אַ צוועק.

Object (אָבדזשעקט) איינוועגדען, זיך אויס-דריקען געגיין; פּראָטעסטירען, מאַרמלען.

Object-glass (אָבדזשעקט-גלעס) אַ גלאָז וואָס ווערט געלעגט צום ענד פון אַ טעלעסקאָפּ-רעהר לעבען אַ זאַך וועלכע מען וויל זעהן.

Objection (אָבדזשעקשאָן) דיא איינוועגדונג; אַ פאָרוואורף; דיא בעשולדיגונג.

Objectionable (אָבדזשעקשאָנעבל) אויף וואָס מען קען איינוועגדען, איינצו-ווענדען.

Objective (אָבדזשעקטיוו) זאכליך, וואָס ליעגט אין דער זאַך; וואס איז וואַהר אן און פיר זיך, ריכטיג לויט דער נאַטור פון אַ זאַך, ניט אַבהענגיג פון מיינונג; —case, דער ציעל-פאַל [אַ פערזאן אד. זאַך אויף וועלכע עס ציעלט דיא ווירקונג פון אַן אַנדער פערזאָן אָד. זאַך, וויא „יונגעל" אין דעם זאַץ „דער לעהרער בעשטראָפט דעם יונגעל" אָד. „עהרע" אין „חכמה ברייגגט עהרע"].

Objectiveness (אָבדזשעקטיוונעס) דיא נאַ-טירליכע ריכטיגקייט פון אַ זאַך, דיא וואַהר-הייט וואָס ליעגט אין דער זאַך זעלבסט.

Objectivity (אָבדזשעקטיוויטי) ז. Object-iveness.

Objectless (אָבדזשעקטלעס) אָהן אַ צוועק.

Objector (אָבדזשעקטאָר) אַ געגנער, אַ איינ-ווענדער.

Objectual (אָבדזשעקטשועל) זיכטבאַר.

Objure (אָבדזשור) שווערען.

Objurgate (אָבדזשאָרגייט) טאַדלען.

Objurgation (אָבדזשאָרגיישאָן) דער טאַדעל.

Objurgatory (אָבדזשאָרגעטאָרי) טאַדעלנד.

Oblate (אָבלייט) פלאַך געדריקט, איינגעפלאַטשט, צוגעפלאַטשט [ביי דיא בּרעגעס פון אַ קיילאַכ-דיגע זאַך—וויא פון דער ערד].

Oblateness (אָבלייטנעס) איינ-געדריקטקייט, פלאַטשטקייט, צוגעפלאַטשטקייט.

Oblation (אָבליישאָן) אַ אָפּפער, אַ קרבן-מנחה.

Oblectation (אָבלעקטיישאָן) דיא פערשאַפונג פון פערגניגען.

Obligate (אָבליגייט) פערבינדען, פערפליכטען.

Obligation (אָבליגיישאָן) דיא פערפליכטונג; דיא פערבינדליכקייט.

Obligatory (אָבליגייטאָרי) פערבינדענד, פער-פליכטענד.

Oblige (אָבלאַיידזש) פערבינדען, פערפליכטען; טהאָן אַ טובה; to be obliged, זיין געצוואונ-גען אָדער געצווינגען; זיין דאַנקבאַר.

Obligee (אָבלידזשי-) אַ שולדנער.

Obliger (אָבלאַיידזשער) איינער וואָס פערבינדט אָדער פערפליכטעט.

Obliging (אָבלאַיידזשינג), —ly, פערבינדליך, דיענסט-פערטיג.

Obligingness (אָבלאַיידזשינגנעס) פערבינד-ליכקייט, דיענסט-פערטיגקייט.

Obliquation (אָבליקוויישאָן) דיא קרומע נייגונג, דיא קרומע ריכטונג; קרומקייט.

Oblique (אָבליק), —ly, קרום, שיעף, ניט גלייך.

Obliquness (אָבליקנעס) קרומקייט, שיעפקייט.

Obliquity (אָבליקוויטי) ז. Obliqueness.

Obliterate (אָבליטערייט) אָבמעקען, פערטיליגען.

Obliteration (אָבליטערייישאָן) דיא אָבמעקונג, דיא פערטיליגונג.

Oblivion (אָבליוויאָן) דיא פערגעסענהייט; דיא בעגנאַדיגונג, דאָס שענקען [אַ שטראָף].

Oblivious (אָבליוויאָס) וואָס מאַכט פערגעסען; פערגעסליך.

Oblong (אָבלאָנג), —ly לענגליך.

Oblongness (אָבלאָנגנעס) לענגליכקייט.

Obloquy (אָבלאָקווי) טאַדעל; שאַנדע.

Obmutescence (אָבמיוטעסענס) דאָס שווייגען, דאָס שטיל-שווייגען.

Obnoxious (אָבנאָקשאָס) אונטערוואָרפען; שטראָפבאַר, וואָס פערדיענט אַ שטראָף; איבעל, פאָסקודנע; שעדליך.

Obnoxiousness (אָבנאָקשאָסנעס) אונטער-וואָרפענקייט, אונטערוואָרפיגקייט; פאָסקודנעקייט, מיאוסקייט; שעדליכקייט.

Obnubilate (אָבניוביליית) פערוואָלקענען, פערדונקלען.

Obnubilation (אָבניובילייישאָן) דיא פערוואָל-קנונג, דיא פערדונקלונג.

Obole (אָ'באָל) אַ העלער [אַ מין מטבע]; גע-וויכט פון אַ גראַן.

Obreption (אָברעפּשאָן) דאָס הערייננבענגען זיך, דיא הערייננקריכונג [אין עפּעס].

Obreptious (אָברעפּשאָס), —ly. העריינקריכענד.

Obscene (אָבסין), —ly שמוציג, מיאוס [וויא נבול-פה].

